**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

וּבָרוּךְ קֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ...

בעזהשי"ת ▪ וירא תשפ"א ▪ גליון צח'

# איך פרוביר און פרוביר, וויפיל איז די שיעור?

## וויפיל דארף מען פרובירן, ביז מען קען שוין זאגן, "יא! איך האב פרובירט!"?

### די געוואלדיגע מוסר השכל און לימוד פון אברהם אבינו ביי די מצוה פון הכנסת אורחים...

בחורים אין ישיבה, אינגעלייט אין כולל, בעלי בתים ביי די ארבעט, יעדער טרעפט זיך מיט די זעלבע קשיא, "איך פרוביר און פרוביר, וויפיל איז די שיעור?" צענדליגע מאל האבן מיר אפגעמאכט זאכן ביי זיך, ווי למשל זאל דאס זיין ענדיגן א מסכת, אנפאנגען א שיעור, דאווענען אין צייט, אדער פשוט זיך צוזאם קלויבן און זיין א מענטש, אבער שטענדיג בלייבן מיר שטיין מיט דעם באקאנטן יאוש'דיגע מחשבה טראכטנדיג, "וויפיל איך זאלן נאר פרובירן, קום איך נאך אלץ נישט אן! פארוואס זאל איך נאכאמאל פרובירן?"

אין דעם היינטיגן גליון, וועלן מיר בעזהשי"ת "פרובירן" אויסצוקלארן די נושא פון "פרובירן", וויפיל מען דארף פרובירן, ביז מען קען שוין זאגן, "יא! איך האב פרובירט!"

**לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פארן וואך...**

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה', בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא, וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל, כְּחֹם הַיּוֹם:** (וירא יח, א)

דער אייבערשטער באווייזט זיך פאר אברהם אין אלני ממרא, בעת וואן אברהם זיצט ביים טיר אין דעם הייסן טאג.

**לאמיר פארשטיין:** פארוואס האט זיך דער אייבערשטער באוויזן פונקט יעצט פאר אברהם? פארוואס זיצט אברהם ביי די טיר? וואס איז אונז א נפק"מ וואס די וועטע"ר איז דעמאלטס געווען?

## אברהם זוכט געסט...

צו פארשטיין דעם ענין על בוריה, לאמיר אפלערנען א שטיקל גמרא אין מסכת בבא מציעא (פו:), **וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האוהל כחום היום.** זאגט רבי חמא בן ר' חנינא: די טאג איז געווען די דריטע טאג פון ווען אברהם האט זיך געמל'ט, וואס אין די טאג איז די ווייטאג די מערסטע (בראשית לד, כה). דערפאר איז דער אייבערשטער אים געקומען מבקר חולה זיין.

זאגט די גמרא ווייטער: **כחום היום**. יענעם טאג, האט דער אייבערשטער געמאכט די זון זאל שיינען מיט א שטארקע כח אויף דער ערד, כדי מענטשן זאלן זיך נישט דרייען אויפ'ן גאס און זיי זאלן נישט מטריח זיין אברהם אלץ געסט.

אברהם זעהט אז עס קומט נישט קיין געסט, זעצט ער זיך אוועק ביים טיר און האפט אז אפשר דאך וועט איינער אדורכגיין (פירש"י פתח האוהל). ער זעהט אז קיינער גייט נישט אריבער, שיקט ער ארויס זיין קנעכט אליעזר זוכן געסט. אליעזר גייט ארויס און געפונט נישט קיינעם. זאגט אליעזר פאר אברהם, "מיין טייערע האר, קיינער איז נישט אינדרויסן"! זאגט אים אברהם, "איך גלייב דיר נישט"[א] און גייט אליין ארויס זוכן...

פלוצלינג, זעהט אברהם ווי דער אייבערשטער שטייט ביים טיר[ב]. אברהם שטעלט זיך נישט אפ און זאגט, "רבוש"ע, **אל נא תעבור מעל עבדיך**, גיי נישט אוועק. איך קום שוין צוריק. איך גיי זוכן געסט."[ג]

**דערציילט די גמרא:** פארוואס איז דער אייבערשטער נישט גלייך אריין אין אברהם'ס געצעלט? וויבאלד דער אייבערשטער האט געזעהן אז אברהם איז געווען פארנומען מיט זיין וואונד, האט כביכול געזאגט "לאו אורח ארעא למיקם הכא", עס איז נישט קיין דרך ארץ

---

[א] אע"פ שאליעזר היה צדיק וחכם, מ"מ חושד בו אברהם שמא הוא מורה היתר לעצמו לשקר, מפני שהוא חס על אברהם אדונו כדי שלא יצטרך לטפל באורחים באותו יום שהיה חולה. (בן יהוידע)

[ב] ראה במראה הנבואה את אור השכינה עומד בחוץ. (בן יהוידע)

[ג] מפסוק זה למדו חז"ל (שבת קכז:) "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה". (ועיי"ש בעירובין דברי התוס')

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אריינצוגיין יעצט[ד]. (בן יהוידע, מהר"ל)

## וואס וואלטן מיר מייעץ געווען פאר אברהם?

שטעלט אייך פאר אז דער צדיק אברהם וואלט זיך מייעץ געווען מיט אונז וועגן זיין הכנסת אורחים אפערעצי"ע, וואס וואלטן מיר אים געראטן?

**אברהם האט א שאלה:** "ווי באקאנט, בין איך דאך דער גרויסע מכניס אורח דא אין שטאט שוין פאר לאנגע יארן. אלע סארטן מענטשן[ה] קומען כסדר עסן און טרינקן ביי מיר. היינט איז מיר דאס אביסל שווער, מעג איך פארמאכן מיין הכנסת אורחים פאר א טאג, צוויי?"

לאמיר אריינקלערן: וויפיל תירוצים וואלטן מיר געקענט טרעפן פאר אברהם, אים מסביר זיין אז דאס איז קיין שאלה נישט! ער איז זיכער פטור לכל הדעות!

**א.** מען רעדט נישט פון א וואך אדער צוויי, מען רעדט ס"ה פון איין איינציגן טאג.

**ב.** ער פילט דאך נישט גוט! און נישט סתם נישט גוט, מען רעדט דא פונעם דריטן טאג, די שטערקסטע ווייטאג, א חולה ממש, אפ' די מלאכים קענען דאס נישט צוקוקן.

**ג.** מען רעדט נישט פון א אינגערמאן, מען רעדט דא פון א זקן מופלג, 99 יאר אלט, וואס האט יעצט געהאט אן אפעראציע.

**ד.** עס איז ביטערליך הייס אינדרויסן, עד כדי כך אז קיין איין איינציג מענטש דרייט זיך נישט אויפן גאס.

## אברהם וויל נישט הערן פון קיין תירוצים...

אפשר וואלטן מיר אים אזוי מייעץ געווען, אבער לא כן עבדי אברהם, אברהם אבינו ווייסט נישט פון קיין תי', ער וויל נישט הערן פון גארנישט. ער טוט און טוט אן קיין חשבונות. ער פרעגט נישט קיין שאלות און ער בעט נישט קיין עצות.[ו]

ער וועט נישט מוותר זיין אויף קיין איין איינציגן טאג, אפי' ער האט זייער גוטע תירוצים. זיין אהבה צו טוהן די מצות ה' לאזט אים נישט רוען. עס גייט אים גארנישט אן, ער דארף געסט! ער וועט פרובירן און פרובירן וואס נאר שייך און נישט מיד ווערן.

קיינער קומט נישט! אבער אברהם לאזט נישט נאך. ער האלט אין איין טראכטן, **"וואס קען איך טוהן?"** ער זעצט זיך אוועק ביים טיר און האפט, "אפשר דאך וועט איינער פונקט יעצט אריבער גיין און אזוי וועט ער אים גלייך זעהן און אריינברענגען!"

אבער קיינער גייט נישט אריבער. עס איז שוין 12 אזייגער נאכמיטאג, אברהם האט נאך גארנישט געגעסן[ז], און קיין איין מענטש האט זיך נאכנישט באוויזן!

אברהם האלט אין איין טראכטן, **"וואס קען איך טוהן?"** אברהם שיקט אליעזר ארויס אינדרויסן, "גיי זיך, לויף ארום אין די גאסן, אפשר וועסטו קענען טרעפן איינעם." "יא! אין די ביטערע היצן, אפשר דאך וועסטו טרעפן עפעס א גאסט!" אליעזר טרעפט אבער נישט!

לכאורה וואלט אברהם געדארפט טראכטן צו זיך, "שוין! גענוג! **איך האב שוין פרובירט אלעס**, בלית ברירה געב איך אויף. יעצט בין איך דאך שוין זיכער פטור."

## אבער אברהם אבינו געבט קיינמאל נישט אויף!

אפשר וואלטן מיר געטראכט אז ער איז פטור אבער אברהם אבינו האט נישט אזוי געטראכט. ער איז נישט רואיג, ער האלט אין איין טראכטן, **"וואס נאך קען איך טוהן?"** ער געבט נישט אויף...

אברהם מאכט אפ ביי זיך, "דאס איז עס, איך גיי אליין!" וואס וואלטן מיר געזאגט פאר אברהם? "איין מינוט אברהם! דו מעגסט נישט! דו ביסט דאך א חולה ממש! בפרט אין אזא הייסע טאג, וואו גייסטו?" אבער אברהם מאכט נישט קיין חשבונות, ווי, וואס, ווען?! ער גייט...

אבער ווי נאר אברהם וויל גיין... טרעפט ער הקב"ה בכבודו ובעצמו. יעצט וואלטן מיר אים זיכער געזאגט, "אברהם, ביטע גייט צוריק. בארואיגט אייך. זיי מכבד די חשוב'סטע און הייליגסטע גאסט וואס דו האסט נאך אמאל זוכה געווען צו באקומען!" אבער אברהם לאזט נישט נאך און זאגט, "איך ווייס אויך די הלכה. די רבוש"ע אליין וויל אויך אז איך זאל יעצט גיין[ח]." אברהם שטעלט זיך נישט אפ, נאר זאגט, "רבוש"ע, **אל נא תעבור מעל עבדיך**, גיי נישט אוועק. איך קום שוין צוריק. איך גיי זוכן געסט." און...

עס איז אים געלונגען!!! פלוצלינג... **וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, וירא וירץ לקראתם.**

## ווי אזוי האט אברהם זוכה געווען צו די געסט?

**זאגט די מדרש:** וויבאלד דער אייבערשטער האט געזעהן אז אברהם אבינו פירט זיך אויף מיט אזא מסירת נפש, ער טוט כל מה שביכלתו און אפי' מער כדי מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים,

---

[ד] וכעי"ז מצינו נמי אצל המלאכים, שאמרו "לאו אורח ארעא למיקם הכא" כמש"כ פסוק ב' **וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם**, עי' דברי רש"י וכן כתב שם בעירובין, וכן בב"מ פו:, כתיב "**נצבים עליו**" וכתיב "**וירץ לקראתם**" כד חזיוהו דהוה שרי ואסר פרשו הימנו, ומיד "**וירץ לקראתם**".

[ה] כמבואר במדרש רבה, שאפי' נמרוד בא ואכל אצלו.

[ו] ומה שכ' רש"י ד"ה באלני ממרא, הוא שנתן לו עצה על המילה, עי' בדעת זקנים מבעלי התוס' שכ' "וי"ל שחס ושלום שישאל עצה אם ימול אם לאו", אלא אם יעשה בצנעה או בפרהסיא, וממרא נתן לו עצה לעשותה בפרהסיא כדי שיראו העולם וימולו אחריו.

[ז] עי' ברבינו בחיי אברהם לא רצה לאכול עד שימצא אורחים.

[ח] ועי' בספר באר מים חיים שאברהם למד דבר זה מכביכול בעצמו שאינו חש לכבודו עיי"ש באריכות.

האט אים דער אייבערשטער געשיקט דריי מלאכים (וואס זיי וואלטן סייווי געדארפט אנקומען צו אברהם, יעדער צוליב זיין שליחות[ט]) אז זיי זאלן יעצט קומען **בצורת בני אדם** און מאכן דעם גאנצן שפיל פון עסן, טרינקען וכו', אלעס כדי צו בארואיגן אברהם. (מעם לועז וישא עיניו)

לפי זה, קומט אויס אז באמת איז טאקע נישט געווען קיין שום וועג צו טרעפן געסט, נישט דורך אליעזר און נישט דורך אברהם. נאר די שטארקע רצון און די איבערמידליכע "פראבירן" פון אברהם האט צוגעברענגט אז דער אייבערשטער זאל אים שיקן מלאכים בצורת בני אדם, יעדער ווי א צווייטע פארשוין, אז דער צדיק'ס רצון זאל מקוים ווערן!

## רבי פרידא מיט זיין תלמיד!

דערציילט די גמרא (עירובין נד:): ר' פרידא האט געהאט א תלמיד וואס מען האט אים געדארפט אויסלערנען יעדע זאך פיר הונדערט מאל ביז ער האט עס גוט פארשטאנען...

על אף וואס די מעשה איז אונז זייער באקאנט, מיט אביסל התבוננות און מחשבה אין די פרטי המעשה, וועלן מיר בעזרת השם זעהן געוואלדיגע חידושים בנוגע צו אונזער שמועס פון פראבירן.

לאמיר פארשטיין: "רבי פרידא האט געלערנט מיט זיין תלמוד פיר הונדערט מאל ביז ער האט פארשטאנען". פון וואו האט ר' פרידא געוואוסט די ערשטע מאל ביים אויסלערנען, וויפיל מאל עס גייט נעמען אז די תלמיד זאל פארשטיין?

אלא מאי, מוז מען זאגן אז ר' פרידא האט טאקע נישט געוואוסט וויפיל מאל אדער ווי לאנג עס גייט אים נעמען. נאר...

"**ער האט פראבירט!**" ער האט אנגעהויבן לערנען מיט אים איינמאל און נאכאמאל. ער האט געזעהן אז זיין תלמיד פארשטייט נישט און אנשטאט אים זאגן, "נו, מיר האבן ביידע פראבירט, דו האסט געטוהן דיינע און איך האב געטוהן מיינע. מיר האבן זיכער געמאכט א נחת רוח פאר רבוש"ע און יוצא געווען דעם "קביעות עתים לתורה" למהדרין. לאמיר בלייבן שטיין!"

ניין! ר' פרידא האט געזאגט, "ביי תורה איז דא אן אנדערע כלל: "**מיר דארפן פראבירן און פראבירן, זיך מטריח זיין און טרעפן עצות אן קיין חשבונות און נאר אזוי וועלן מיר בעזהשי"ת אנקומען!** וויפיל מאל? איך ווייס נישט! ווען איך וועל אנקומען און זעהן אז דו פארשטייסט, וועל איך וויסן וויפיל מאל!"

וכך הוה, נאכן חזר'ן יעדע זאך איין מאל, צוויי מאל און נאכאמאל, אן ווערן מיד, נאכאמאל און נאכאמאל, דריי הונדערט מאל מער פון אלע רגילות'ן, (אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחת, חגיגה ט:[י]), האט ער טאקע דערגרייכט! יעצט ווייסט שוין ר' פרידא וויפיל מאל דער תלמיד דארף! **פיר הונדערט מאל!**

**באמת איז טאקע נישט געווען קיין שום וועג צו טרעפן געסט... נאר די שטארקע רצון און די איבערמידליכע "פראבירן" פון אברהם האט צוגעברענגט אז דער אייבערשטער זאל אים שיקן מלאכים בצורת בני אדם...**

איין מאל האט זיך געמאכט אז ר' פרידא האט זיך געיאגט צו א דבר מצוה. אבער ער האט נישט געוואלט גיין פאר ער לערנט זיין פיר הונדערט-מאליגע שיעור מיט זיין באליבטן תלמיד. רבי פרידא האט אים אויסגעלערנט פונקט ווי יעדן טאג. אבער צו זיין וואונדער, דאס מאל איז עפעס מאדנע געשעהן. ווען ער פרעגט זיין תלמיד נאכן שיעור, "נא, יעצט פארשטייסטו שוין גוט?" זאגט אים די תלמיד, "ניין רבי, אנטשולדיגט, אבער איך פארשטיי נישט!"

ר' פרידא וואונדערט זיך און פרעגט אים, "וואס איז יעצט אנדערש? דו פארשטייסט דאך געוויינטליך נאך פיר הונדערט מאל?" זאגט אים די תלמיד, "רבי, אזוי ווי איך האב היינט געהערט אז מען דארף דיר האבן פאר א דבר מצוה און איך ווייס נישט ווען דו דארפסט גיין, איז מיין מח געווארן פארשלאסן. יעדע רגע האב איך געטראכט, אפשר גייסטו יעצט גיין און איך האב שוין נישט געקענט מיטהאלטן אזוי גוט".

לויט אונזערע מוחות, וואלט לכאורה ר' פרידא אים געדארפט זאגן, "**אנטשולדיגט מיר, איך פארשטיי דיר באמת, די מעשה טוט מיר זייער וויי. אבער היינט קען איך שוין נישט, בעזהשי"ת מארגן, וועל איך פראבירן בעסער**".

אבער ניין, ר' פרידא זאגט אים, "**דו ביסט גערעכט.** די פריערדיגע פיר הונדערט מאל הייסט נישט פראבירט לויט די היינטיגע אומשטענדן. אנטשולדיגט מיר, איך גיי יעצט פראבירן נאכאמאל מיט פיל מער געדולד. איך גיי נישט אין ערגעץ ביז דו פארשטייסט!" רבי פרידא האט נאכאמאל אנגעהויבן זיין טעגליכן שיעור מיט א פרישקייט און איבער גע'חזר'ט די לימוד נאך פיר הונדערט מאל! (הלואי ווען מיר וואלטן נאר געקענט וויסן ווי לאנג דאס האט אים גענומען!)

"יעצט וועט די תלמיד בעזהשי"ת פארשטיין!" וכך הוה, ער האט טאקע פארשטאנען. **דאס הייסט פראבירט!!**

די רבוש"ע אליין האט מעיד געווען אויף די גדלות פון ר' פרידא, עד כדי כך אז עס איז ארויסגעקומען א בת קול פון הימל און אים געגעבן די שכר פון אריכת ימים. עס איז צוגעקומען נאך 400 יאר צו זיין לעבן (אנטקעגן די 400 מאל וואס ער האט כסדר געלערנט מיט אים). אזוי אויך, האט ער באקומען נאך א ספעציעלע שכר אז ער און זיין גאנצע דור האבן זוכה געווען צו עוה"ב!!

מיט דעם דערהער, פארשטייען מיר זייער גוט דעם המשך

---

[ט] מיכאל לבשר הבשורה, רפאל לרפאות את אברהם, גבריאל להפוך את סדום.

[י] עי' בלקוטי אמרים תניא, דהיינו טעמא אינו דומה מאה למאה ואחד, כי מאה היה אז הרגילות והוא הטבע, אבל מאה ואחד שכבר חוץ מהרגילות, הרי הוא שבירת הטבע.

הגמרא... רבא זאגט[יא]: "**עשה מועדים לתורה**", טוה קובע זיין צייטן פאר די תלמידים, ווען צו לערנען און ווען צו חזר'ן די תורה ווייל נאר אזוי וועט זיך די תורה האלטן ביי זיי...

די גמרא איז ממשיך: והיינו דאמר רבי אבדימי בר חמא בר דוסא: **לא בשמים היא**, די תורה איז נישט אין הימל. **שאם בשמים היא, אתה צריך לעלות אחריה**, וואלט די תורה געווען אין הימל, וואלסטו געדארפט ארויפגיין נאך איר![יב]

וואס איז דער צושטעל? רש"י איז מסביר: דהיינו, די גמרא מיינט דא אנצוזאגן דעם מענטש אז ער זאל זיך שטארק מזרז זיין און מטריח זיין צו טרעפן עצות ותחבולות וויפיל נאר מעגליך, אז די תורה זאל זיך האלטן ביי אים. ווי ר' אבדימי איז מסביר דעם פסוק: ביי די תורה זאגן מיר, "**שאם בשמים היא צריך לעלות אחריה**."

שטעלט זיך די קשיא: איז דאס א גוזמא אדער ממש אזוי? ווייל ווי קען דען זיין אז אויב די תורה וואלט געווען אין הימל, וואלטן מיר געדארפט ארויפגיין? וויאזוי?!

נאר טאקע דאס קומט אונז רבא מיט די אנדערע אמוראים לאזן הערן באלד נאך די מעשה פון רבי פרידא: דאס איז נישט קיין גוזמא, ביי דברי תורה איז מען מחויב צו זוכן און טרעפן עצות פון אלע וועגן אז די תורה זאל זיך האלטן ביי אונז. און ניין, מען קען נישט זאגן אז די תורה איז נישט פאר מיר, נאר "**מען דארף פרובירן און פרובירן, זיך מטריח זיין און טרעפן עצות אן קיין חשבונות כדי אנצוקומען.**"

וכדרב דימי וואס רב דימי זאגט: אפילו די זאך איז ווייט פון אונזער השגה, דארף מען האלטן אין איין פרובירן (עי' מהרש"א) און נאר אזוי וועט מען בעזהשי"ת אנקומען. ווי אזוי?

דורך די געוואלדיגע כח פון נישט אויפגעבן און פרובירן מערערע מאל- דאס איז בוקע רקיעים! יא, עד כדי כך אז **וואלט די תורה געווען אין הימל, וואלט מען געדארפט פרובירן און פרובירן ארויף גיין!** און יא, מען וואלט אנגעקומען! ווי אזוי? "דורך פרובירן!"

## מאובי תחכמינו: די שטן ביי די עקידה

דאס געוואלדיגע מידה זענען מיר זיך אויסלערנען פון אונזער גרעסטע שונא: די שטן. קוקט וויפיל מאל ער האט פרובירט צו שטערן אברהם אז ער זאל נישט אנקומען צו די עקידה. ער האט אים פארדרייט א קאפ אן א שיעור מאל און פרובירט אלעס וואס איז נאר געווען שייך בידו אים אפצוהאלטן פון גיין טוהן די מצוה.

קודם האט ער **זיך פארשטעלט ווי א זקן** און זיך גע'טענה'ט מיט אברהם אויף אלע פראנט'ן. ווען עס איז אים נישט געגאנגען, האט ער זיך **פארשטעלט ווי א געלונגענער יונגער מענטש** און פרובירט מיט יצחק, אפשר ביי אים וועט ער קענען פועל'ן. ער האט זיך גע'טענה'ט מיט אים פאר א לענגערע צייט און ווען עס איז אים נישט געגאנגען, האט ער זיך **פארשטעלט ווי א וואסער**.

אבער ווען ער האט געזעהן אז דאס האט אויך נישט געווירקט אויף זיי, איז ער שנעל געלאפן צו שרה, אפשר דאך וועט ער קענען פועל'ן ביי איר, אבער וויפיל ער האט נאר פרובירט, איז עס אים נישט געגאנגען!

נו, וועט איר אודאי מיינען אז דער שטן האט געזאגט, "**אנטשולדיגט, איך קען נישט אויספירן מיט אברהם, איך גיי ווייטער...**"

וואס? ווען? וואו? א נעכטיגן טאג! אפי' ווען יצחק איז שוין געלעגן אויף די עקידה און אברהם האט שוין געהאלטן די מעסער אין זיין האנט, איז דער שטן ווידער אנגעקומען און געשטופט אברהם'ס האנט כדי די מעסער זאל ארויספאלן. (ילקוט מעם לועז)

## לאמיר גיין א טריט ווייטער...

למעשה האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אז דער גאנצע עקידה איז בלויז געווען א נסיון. דער אייבערשטער האט נישט געוואלט אז אברהם זאל ממש שחט'ן יצחק, נאר אים ארויפלייגן אויפן מזבח. און וויבאלד אברהם האט געטוהן די מצוה בשלימות, איז דער מלאך שנעל געקומען און געשריגן, **אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָּה...**

קען מען אודאי מיינען אז יעצט ווען די עקידה איז פערטיג, איז דער שטן אויך פערטיג, וואס נאך האט ער צו טוהן דא?

וואס? ווען? וואו? דער מלך זקן וכסיל גייט נישט אין ערגעץ,
ער בלייבט דארט...

**וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו.** זאגט די מדרש: אברהם האט געזעהן אן איל און לויפט עס נאך, ער וויל כאטש עפעס מקריב זיין און... ויבא! דער שטן איז שוין ווייטער דא! ער לאזט דאס אויך נישט! ער וויל אויך כאפן די איל, ביז דער איל פארהאנקעט זיך אינעם דארן בוים. אבער ווייל דער איל איז דאך פארט באשאפן געווארן צוליב דעם צוועק, האט עס עטליכע מאל פרובירט אנצוקומען צו אברהם, אבער דער שטן האט עס צוריק געהאלטן.

וואס וואלטן מיר געזאגט פאר שטן? "שטן טייערע! דו האסט דאך שוין געזעהן עטליכע מאל אז דער מענטש "אברהם" קענסטו נישט געווינען, פארוואס געבסטו נישט אויף?!"

אבער ניין, דער שטן געבט נישט אויף... אפשר דאס מאל וועט עס געלונגען... און אזוי איז ער מצליח...

אבער ווען מען האט צוטוהן מיט אזא אדם גדול ווי אברהם אבינו, וואס ער האט אויך די כח פון פרובירן און פרובירן, ער געבט אויך נישט אויף, איז די מלחמה גאר אן אנדערע! **די איל איז מען יא מקריב לריח ניחוח לה'!** און נישט נאר מען איז דאס מקריב, נאר מיר עסן נאך

---

[יא] רבא מפרש מאמר הקרא במשלי, **אמר לחכמה אחותי את, ומודע לבינה תקרא**. מהו לשון "ומודע", מודע לשון "מועד" וביאר מהרש"א שהוא ע"י מילות הפוכות, כמו כבש-כשב, שמלה-שלמה, וד"ל.

[יב] וכן פי' רש"י עה"ת (דברים ל, יב)

היינט, עד היום הזה, פון די זכות פון די מצוה.[יג]

ביי מצות ה', איז נישט דא אזא זאך ווי **פרובירן און דאס איז עס.** מען דארף כסדר פרובירן און פרובירן, גיין העכער און העכער, פרובירן בעסער און בעסער. און אז מען וויל און דארף אנקומען, וועט מען בעזרת השם אנקומען אויף א וואונדערליכע אופן. אונזער ארבעט איז נאר צו האלטן אין איין פרובירן...

## דער חילוק צווישן איוב און אברהם... וויפיל דארף איך פרובירן?

חז"ל דערציילן[יד] וועגן די געוואלדיגע מדה פון הכנסת אורחים וואס איז פארגעקומען אין די שטוב פון איוב. יעדע הונגעריגער האט געוואוסט צו זאגן פון איוב. פון אלע פיר זייטן זענען געווען טירן וואס זענען שטענדיג געווען אפן, גרייט פאר די געסט. מען האט דארט געקענט באקומען עסן, טרינקן און קליידונג...

אבער מיט דעם אלעם, זענען זיינע זכותים אים נישט געקומען צו הילף בעת ווען ער האט געליטן יסורים. ווי חז"ל דערציילן אונז: **כשבא עליו ההוא פורענות גדול,** (קלערנדיג אז ער איז אויף די זעלבע דרגה פון אברהם), **אמר לפני הקדוש ברוך הוא, "רבונו של עולם, לא הייתי מאכיל רעבים ומשקה צמאים... ולא הייתי מלביש ערומים..." פארוואס קומט מיר די אלע יסורים??**

**האט דער אייבערשטער געענטפערט פאר איוב:** דו ווילסט קרעדי"ט פאר די מדה פון הכנסת אורחים? דו האסט אפי' נישט דערגרייכט צו האלב פון וואס אברהם האט געטוהן. פאר אברהם קען די הכנסת אורחים זיין פאר א זכות אבער נישט פאר דיר.

**וואס איז דער חילוק צווישן דיר און אברהם?** דו ביסט געזעצן אין דיין שטוב און די געסט זענען קומען צו דיר. משא"כ אברהם איז געלאפן אין די גאסן זוכן געסט.

דו האסט טאקע געגעבן עסן פאר יעדעם, אבער נאר כפי הרגילו. פאר די וואס זענען געווען געוואוינט צו עסן ברויט, האסטו געגעבן ברויט. פאר די וואס זענען געווען געוואוינט צו עסן פלייש, האסטו געגעבן פלייש. פאר די וואס זענען געווען געוואוינט צו טרינקן וויין, האסטו געגעבן וויין, יעדער לויט זייער השגה. **אבל אברהם לא עשה כן,** אברהם האט זיך פיל מער אנגעשטרענגט. את שאין דרכו לאכול פת חטין, האכילהו פת חטין. את שאין דרכו לאכול בשר, האכילהו בשר. ואת שאין דרכו לשתות יין, השקהו יין... ער האט פאר יעדעם כסדר סערווירט בעסער פון דאס וואס ער איז געווען צוגעוואוינט...

**ואם תאמר, וואס איז אזא גרויסע חילוק?!** אן עיקר די געסט זענען געווען צופרידן אז זיי האבן באקומען דאס וואס זיי האבן געוואלט, וואס איז אזוי וויכטיג צו געבן עפעס בעסער, עפעס וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט פארזוכט?!

לפי"ד, פארשטיין מיר דאס זייער גוט. איוב האט געגעבן און געטיילט, אבער נאר פאר אזעלכע וואס זענען אריין געקומען צו אים אין שטוב, אז מען איז נישט געקומען, איז נישט. ער דארף זיי נישט נאכלויפן! ווען ער האט געטיילט עסן, איז דאס געווען לויט וויפיל און וויאזוי יענער איז געווען צוגעוואוינט, ווייל לפי השגתו, דארף מען נאר געבן פאר די געסט וויפיל ער איז צוגעוואוינט, מען דארף נישט פרובירן גיין מער...

משא"כ, ביי אונזער הייליגן זיידן אברהם איז דער גאנצע צוגאנג געווען אינגאנצן אנדערשט. מען דארף ארויסגיין פון די הרגילות, מען דארף כסדר פרובירן גיין העכער און העכער, מען דארף פרובירן ווי מער. ביז יעצט, אויב איינער האט געגעסן פלייש, דארף ער יעצט פרובירן ברויט. ביז יעצט, אויב איינער האט געגעסן ברויט, דארף ער יעצט פרובירן וויין. מען קען נישט בלייבן שטיין, נאר פרובירן גיין ווייטער און ווייטער.

אזוי אויך, האט אברהם נישט יוצא געווען מיט די מינימו"ם. ער איז נישט געזעצן אינדערהיים ווארטן פאר געסט. ער איז געלאפן זוכן און געהאפט אז אפשר וועט ער יא טרעפן און... **"יגעת ומצאת"**, אברהם'ס גיין זוכן, דאס איז וואס האט אים געברענגט זיינע הייליגע געסט.

**מוסר השכל תמצא בהמשך דף ו'**

**דאס אלעס איז ביי רוחניות!** ביי גשמיות איז אודאי דער דין פונקט פארקערט. דאס גאנצע ענין פון טוהן און טוהן דארף זיין מיט א גבול, געמאסטן מיט א גוטע מעסטער. מען דארף זיך כסדר פרעגן, נאכאמאל און נאכאמאל, "פארוואס טוה איך דאס? איך טוה דאס אלץ דער מצוה פון השתדלות אדער צוליב אנדערע סיבות?"

צו ווייסט איר וואו אין די תורה עס ווערט דערמאנט וועגן דער ענין פון השתדלות? ווען אדם הראשון איז געשאלטן געווארן צוליב זיין זינד, האט דער אייבערשטער אים געזאגט "**וּלְאָדָם אָמַר אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ... בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם עַד שׁוּבְךָ אֶל הָאֲדָמָה...** (בראשית ג יז). די ערד וועט זיין געשאלטן צוליב דיר און נאר מיט הארעוואניע וועסטו קענען עסן. נאר דורך ארבעטן, שוויצן און טוהן, וועסטו קענען עסן ברויט!

געבט א טראכט א מינוט! השתדלות איז א ברכה אדער א קללה? פארוואס ווילסטו אזויפיל מרבה זיין אין א קללה?! גענוג! זיי יוצא מיט די מינימום. טוה וויפיל מען מוז און גענוג! דעמאלטס האסטו יוצא געווען! אדרבא, אז עס ברענט דיר די שאלה "**איך פרוביר און פרוביר, וויפיל איז די שיעור?!**" זאג זיך אליין די תשובה. הער אויף צו פרובירן! ווען דו וועסט באמת גלייבן אז דו קענסט פרובירן וויניגער, וועסטו זעהן ווי עס קומט דיר אן פיל מער! "**הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ, לֹא יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַּדִּיק**" (תהילים נה'). ווען דו ווארפסט דיין פעקל אוועק פון זיך און ארויף צום אייבערשטען, וועט ער דאס איבערנעמען, ווייל "**לֹא יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַּדִּיק**", דער אייבערשטער וועט נישט לאזן פאלן קיין שום ערליכע איד. אויף דעם זאגן אונז חז"ל, "**זכה, מלאכתו נעשה על ידי אחרים. אבל אם לא זכה, מלאכתו נעשה על ידי עצמו**".

[יג] פי' רש"י על ויקח את המאכלת, שהנ"ט דקרי ליה לסכין "מאכלת" שאוכלין מזכותו עד היום.

[יד] אבות דר' נתן פרק ז' משנה א'.

# מוסר השכל:

**"וויפיל דארף מען פרובירן, ביז מען קען שוין זאגן, "יא! איך האב שוין פרובירט אלעס!" די תשובה איז זייער א פשוט'ע. אין איין ווארט... ביז דו דערגרייכסט!" אמר רבי יצחק: אם יאמר לך אדם, "יגעתי ולא מצאתי"- אל תאמין.** (מגילה ו:)

ווען דיין חבר בעט דיר, "אפשר קענסטו מיר טוהן א טובה און רופן דיין פעטער ער זאל..." און דו ענטפערסט "איך וועל פרובירן!"

ווען דיין משפיע בעט דיר "אפשר נעמסטו א חברותא, הייב אן א מסכת וכו' און לערן עס גוט אדורך..." און דו ענטפערסט "איך וועל פרובירן!"

ווען דו ווילסט האבן א מנין קבוע און דאווענען במתינות פון אנהייב ביזן סוף.. אדער סתם דו ווילסט זיך צוזאם קלויבן און זיין א מענטש...

**וואס מיינט דאס ביי דיר ווען דו זאגסט, "איך האב פרובירט!"**

**אדער "איך וועל פרובירן!"**

איז דאס א ווארט וואס איז דיר מחייב צו טוהן מער? אדער איז דאס א ווארט וואס טוט דיר פטר'ן פון טוהן מער?

יעדע מענטש פרובירט אבער ערגעץ שטעלט זיך דאס אפ. פארוואס? **ווייל עס איז דא שווערקייטן...** שווערקייטן שטעלט אפ א מענטש פון גיין ווייטער.

מיר דארפן אבער וויסן אז דער מענטש אליין איז דער וואס איז מחליט ביי יעדע שווערקייט ווען ער גייט זאגן, "איך קען נישט מער!" ווייל לפי ראות עיניו איז דאס פאר אים אוממעגליך!

אבער לאמיר חזר'ן דעם מאמר חז"ל: "**אין דבר העומד בפני הרצון**". ווי דער וועלט זאגט: "א רצון ברעכט אייזן!". ווי אזוי ברעכט מען דעם רצון, די אייזן? דער תירוץ איז: נישט דער רצון ברעכט דעם אייזן, נאר אז עס איז דא א רצון, וועט מען פרובירן אלעס אין דער וועלט, איינמאל און נאכאמאל, ביז מען וועט טרעפן א וועג וויאזוי צו צוברעכן דעם אייזן.

**מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ...** (דברים ל, יב). זאגט רש"י בשם די גמרא: **שאילו היתה בשמים היית צריך לעלות אחריה וללמדה**. ווי אזוי? דורך פרובירן. ווי מער דו וועסט פרובירן, אלץ מער טויערן וועלן זיך עפענען פאר דיר! ווי אזוי האט אברהם געקענט לויפן, אנגרייטן, מאכן און טוהן פאר זיינע געסט אינעם שווערסטן טאג? עס איז דאך געווען דעם דריטע טאג פון ווען ער האט זיך געמל'ט, ער איז געווען א חולה!

זאגט דער אך פרי תבואה (וכ"ה במעגלי צדק): אמנם יש לומר דהנה היה בהם המלאך רפאל שריפא אותו ולא היה לו עוד צער. ווי נאר דער מלאך האט אים דערזעהן, האט ער אים אויסגעהיילט. ווייל דער שווערקייט איז נאר פארדעם, ווען מען הייבט אן צו טוהן. אבער ווי נאר מען טוט, שיקט שוין דער רבוש"ע זיינע מלאכים גרינגער צו מאכן...

ווען מיר זאלן פרעגן די גרעסטע עסקנים ביי כלל ישראל וועגן זייערע גרויסע פראיעקטן וואס זיי האבן געהאלפן אנדערע , "ווי אזוי האסטו דאס באוויזן?"

וועלן זיי אלע ענטפערן צוגלייך, "איך ווייס נישט! איך בין אריינגעשפרינגען, פרובירט איינמאל און נאכאמאל ביז זאכן האבן אנגעהויבן פארן, עפעס למעלה מדרך הטבע ..."

יעדעס מאל וואס דער מענטש פרובירט, עפנט זיך א נייע טויער פאר אים. איין טויער און נאך א טויער, ביז בעזהשי"ת, עס עפנט זיך אלע טויערן, "**שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי**"...

**דער אייבערשטער זעהט ווי דו פרובירסט**
**און ער וועט דיר בעזהשי"ת גרינגער מאכן!**

**דייקא די מסירת נפש, דאס האט באשאפן דער מלאך, וכו',**

דער זלאטשובער מגיד האט נאכגעזאגט פון זיין הייליגן שווער, הרה"ק ר' יצחק מראדוויל, זצ"ל: דריי מלאכים זענען געקומען צו אברהם, אחד לרפאות את אברהם, אחד להפך את סדום, וכו'... פארוואס קומט יעצט דער מלאך וואס גייט איבערדרייען סדום?

נאר דער מלאך האט אברהם יעצט באשאפן! מיט זיין געוואלדיגן מסירת נפש פאר די מצוה פון הכנסת אורחים, האט אברהם באשאפן א נייע מלאך וואס דער מלאך גייט זיין דער פאסיגע שליח איבערצודרייען סדום. דער מלאך גייט זיין דער מעניש פאר די מענטשן וואס זענען היפך פון הכנסת אורחים. (ראשי בשמים לך לך ד"ה בעצם)

## הערות פון די לייענער

**לכבוד המערכת:** איך מוז זאגן אז נאך דער גליון פון פרשת נח וואס האט גערעדט פון אמונה ובטחון, וכש"כ נאך דער גליון פון לך וואס האט גערעדט פון כסדר דאנקן דעם רבוש"ע, האב איך פלוצלינג באקומען א נייע געפיל צו די ווערטער פון דאווענען. די ווערטער האבן אנגעהויבן לעבן און ווען איך האב געזאגט די הללו-יה'ס, איז מיר פלוצלינג אנטקעגן געשפרינגען די ווערטער "**רוֹצֶה ה' אֶת יְרֵאָיו "אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ**". ביי שמו"ע "**וְעַל חַסְדְּךָ הַגָּדוֹל בֶּאֱמֶת (וּבְתָמִים) נִשְׁעָנְנוּ**". אזוי אויך, ביי די ווערטער "**כִּי אֵל טוֹב וּמֵטִיב אַתָּה וּמְבָרֵךְ הַשָּׁנִים**". עס האט עפעס אן אנדערע משמעות. ועל כולם, ווען איך האב געענדיגט דאווענען, האב איך פונקט יענע טאג געזאגט אין תהילים (לד, ב) דער פסוק "**אֲבָרְכָה אֶת ה' בְּכָל עֵת תָּמִיד תְּהִלָּתוֹ בְּפִי**", האב איך געשפירט עפעס ווי איך האב נאך קיינמאל נישט געזאגט די ווערטער. ישר כוחם און תיזכה למצות.

מאת ח.י.ג. קרית יואל.

---

**לכבוד המערכת:** בנוגע דאס וואס איר האט געשריבן בשם די מדרש אז שם האט געזאגט אויף אברהם "קונה שמים וארץ" ווייל אברהם האט געמאכט זיכער אז יעדער זאל וויסן דעם שם ה', איז כדאי מציין צו זיין צוויי מראה מקומות וואס קען מחיה זיין אייערע לייענער. 1- דער קדושת לוי זאגט: פארוואס האט אברהם נאר געזאגט "ברכו לאלקי עולם" נאכן עסן? פארוואס נישט פארן עסן? זאגט דער קדושת לוי: (ד"ה ואקחה פת לחם) וויבאלד פארן עסן זענען זיי נאך געווען גוים און אלץ גוי איז שווער אנצונעמען דעם עול מלכות שמים. אבער נאך וואס זיי האבן שוין געגעסן, האבן זיי דאך יעצט געטוהן א מצוה, דהיינו זיי האבן גורם געווען אז אברהם זאל קענען טוהן דער מצוה פון הכנסת אורחים, דער זכות האט גורם געווען אז נאכן עסן זאלן זיי קענען אננעמען דעם עול מלכות שמים.

בנוגע דער צווייטע ענין וואס איר האט געשריבן פון דער חפץ חיים פארוואס פון שם איז נישט געבליבן קיין דורות, איז כדי צוצולייגן דעם ערוגת הבושם וואס זאגט: פארוואס ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין, פארוואס פונקט דאס? געבט ער צו פארשטיין אז שם'ס מהלך אין עבודת ה' איז געווען נאר מיט רוחניות, פלוצלינג זעהט ער ווי אברהם איז מגייר הונדערטע מענטשן דורך אן אנדערע מהלך פון עסן, טרינקן, וכדו', עס איז אים געווען אינטערעסאנט צו זעהן אזא מהלך אין עבודת ה', דערפאר ווען ער האט געטראפן אברהם, הוציא לחם ויין, ער האט יעצט געוואלט פרובירן די מהלך מיט אברהם.

וכמדומה לי, אז דער חידושי הרי"ם זאגט: דערפאר געפונען מיר נישט ביי יצחק די אלע גרים וואס אברהם האט געהאט, ווייל יצחק האט אויך נישט געהאט דעם מהלך פון עבודת ה'. יצחק איז געווען מדת הגבורה, האבן די אלע גרים זיך אפגעשאקלט פון אים ווייל זיי זענען נישט געווען צוגעוואוינט צו אזא מהלך.

מאת א. וו. וואסב"ג.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך
torah10952@gmail.com